nystateofhealth™
The Official Health Plan Marketplace

# זענט איר א נישט-ליגיטימירטע אימיגראנט וואס איז 65 יאר אדער עלטער?

# איר קענט זיין פאסיג צ באקומען ניו יארק'ס Expanded Medicaid



**ניו יארק האט פארברייטערט איר Medicaid פראגראם ארייננצורעכענען געוויסע נישט ליגימיטירטע אימיגראנטן. מענטשן זענען פאסיג אויב זיי זענען 65 יאר און עלטער און האבן א הכנסה ביז א געוויסע סומע.**

## 1 וואס איז Expanded Medicaid?

עס איז דעקונג דורך Medicaid Managed Care פלענער. עס דעקט אייערע העלטקעיר באדארפענישן. עס דעקט מער ווי העלט עמערדזשענסיס. בענעפיטן זענען כולל געוויינטליכע וויזיט צום דאקטער, רעקאמענדירטע סקריינינגס, לעבאראטאריע טעסטן, און נאך מער. עס דעקט אויך מעדעצינען און סופלייז. Medicaid Rx העלפט אייך באצאלן ביי דער פארמעסי.

## 2 בין איך פאסיג?

איר מוזט וואוינען אין ניו יארק. איר מוזט זיין 65 יאר אלט אדער עלטער איר קענט האבן:

- א הכנסה פון $20,783 אדער ווייניגער פאר איין מענטש אדער א הכנסה פון $28,208 אדער ווייניגער פאר א הויזגעזינד פון צוויי
- רעסורסן פון $31,175 אדער ווייניגער פאר איין מענטש אדער רעסורסן פון $42,312 אדער ווייניגער פאר א הויזגעזינד פון צוויי

## 3 ווי אזוי קען איך עס באקומען?

אויב איר האט שוין Emergency Medicaid, וועט איר באקומען אויטאמאטיש Expanded Medicaid:

- NY State of Health וועט אייך שיקן א בריוו. עס וועט אייך הייסן אויסקלויבן א Medicaid Managed Care פלאן. ביטע טוט עס ביי דעם דאטום וואס שטייט אין בריוו. נאכדעם וואס איר קלויבט אויס א פלאן, וועט איר באקומען א בריוו מיטן דאטום ווען אייער נייע אינשורענס הייבט זיך אן.

איר קענט נישט אפליקירן פאר דעם דעקונג דירעקט דורך NY State of Health:

- אויב איר האט נישט קיין אינשורענס, מוזט איר קודם אפליקירן פאר Emergency Medicaid.
- איר קענט אפליקירן פאר Emergency Medicaid ביי אייער Local Department of Social Service אדער the New York City Human Resources Administration.
- נאכדעם וואס איר האט שוין Emergency Medicaid, וועט איר זיין פאסיג צו באקומען Expanded Medicaid.

## 4 וואס איז אויב איך וויל נישט קיין Expanded Medicaid?

איר האט די ברירה נישט צו נעמען Expanded Medicaid. איר קענט דאס טון דורך רופן NY State of Health. רופט 1-855-355-5777. פרעגט נאר פאר Emergency Medicaid. איר קענט אויכעט רופן דעם נומער מיט פראגעס.

## דארפט הילף אפליקירן?

## אט איז א ליסטע פון ארגאניזאציעס וואס קענען אייך העלפן:

[https://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/fe_abd.htm](https://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/fe_abd.htm)

## איר קענט אונדז אויך רופן ביי

## NY State of Health:
## 1-855-355-5777
## (TTY: 1-800-662-1220)

## הילף איז צו באקומען אויף אייער שפראך דורכן טעלעפאן אדער פערזענליך.

**NY State of Health פאלגט אויס אלע שייכ'דיגע פעדעראלע בירגערעכט געזעצן און סטעיט געזעצן און טוט נישט דיסקרימינירן אויף דער באזעס פון ראסע, פארב, נאציאנאלע אפשטאם, גלויבן/רעליגיע, מין, עלטער, הייראט/פאמיליע סטאטוס, ארעסט רעקארד, פארמישפטע קרימינאל, מין אידנטיטעט, סעקסועלע אריענטאציע, השפעה אויף גענעטישע כאראקטער, מיליטער סטאטוס, שטובגעוואלד קרבן סטאטוס, און/אדער נקמה נעמען.**

Si usted habla un idioma diferente al inglés, los servicios de asistencia de idioma están disponibles gratis para usted. Llame al 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220).

如果您使用的語言不是英語，您可以使用我們的免費語言支援服務。請致電 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220)。